ברוך יודא קליין



## דער הייליגער
# חתם סופר

## צווייטער טייל:
## זיינע קינדער און אייניקלעך







# דער כתב סופר
## הגה"ק רבי אברהם שמואל בנימין סופר זצ"ל

[פאָרזעצונג פון פריער]

טראָץ זיין יונגען עלטער איז ער אַנערקענט געוואָרן אַלס דער רוחניות'דיגער מנהיג פון אונגאַרישן אידנטום. דער מהר"ם שיק זצ"ל, פון די גדולי הדור און מגדולי תלמידי החתם סופר, דריקט זיך אויס וועגן כתב סופר אין איינעם פון זיינע דרשות: "היה מוראו על כל השומעים את דבריו, ראו צעירים ונחבאו, וישישים חרדו על דבריו, שבו תורה וחכמה ויראת ה' ויחוס".

דעם חתם סופר'ס תלמיד הגאון רבי מנחם מענדל מדעעש זצ"ל שרייבט וועגן כתב סופר, אַז אין צוגאָב צו זיין תורה און צדקות "ידע בחכמתו ובדעתו להדריך בית ישראל בכל המדינה שלא יסוגו אחור כנודע, והיה עמוד התווך בעולם שכל בית ישראל נשענו עליו... תמיד היה לנו למגן ולמחסה חומה, ומסר נפשו על קיום התורה הקדושה, והרביץ תמיד לאלפים, ממש כל גדולי הדור הי"ו המה מתלמידיו". ("מעגלי צדק", פ' וירא).

## זיין איינפלוס אויסער די גרעניצן פון אונגאַרן

טראָץ זיין יונגען עלטער האָבן אַלע גדולי הדור אַנערקענט זיין גדלות בתורה ובחכמה און האָבן זיך מיט אים באַראָטן. איינער פון די זקני הדור, הגה"ק רבי יהודה אָסאַד זצ"ל, אַ בן דור און אַ ידיד פון חתם סופר, שרייבט צום כתב סופר:

"צדיק יסוד עולם קדוש ה' מכובד, ידיד נפשי הרב הגאון המפורסם נר ישראל פאר הדור ע"ה בנש"ק כקש"ת מו"ה אברהם שמואל בנימין סופר נ"י.... **ואמרתי לשאול את פיו הקדוש מה דעתו ועצתו בזה**, נא יודיעני מה אשיב להם... ידידו המצפה לתשובתו".

זיין יונגערער ברודער הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל, באַקאַנט אַלס אַ חכימא דיהודאי, שרייבט צו אים: "אחר התבוננות היטב כמצות הדרת גאונך עליו, ועתה יאמן דברי עשיתי כמצותך עלי... ועתה אהובי אחי נא בבקשה ממך גם עצתך אל תמנע ממני, כי ידעתי ה' עמך ועצתך תכון, ולי מה יקרו דבריך שלא להרהר אחריהם בשום אופן ח"ו". ("באר מרים", דף כ"א).

זיין השפעה איז נישט געווען באַגרעניצט בלויז צו אונגאַרן. זיין איינפלוס איז געווען אוניווערסאַל.

נאָך אַלס יונגערמאַן, איידער ער איז געוואָרן דרייסיג יאָר אַלט, האָט הגאון רבי יעקב עטלינגער זצ"ל, דער בעל "ערוך לנר", זיך געווענדט צו אים נאָך הילף אין דער מלחמה קעגן די רעפאָרמאַטאָרן. רבנים פון איבער דער גאָרער וועלט האָבן זיך געווענדעט צו אים, אפילו בנוגע זייערע פריוואַטע אַנגעלעגנהייטן.

דער גרויסער גאון דער לעמבערגער רב, רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן זצ"ל, דער בעל "שואל ומשיב", האָט זיך מיט אים מתייעץ געווען צי ער זאָל אויפגעבן זיין רבנות אין לעמבערג אָנצונעמען דאָס רבנות וואָס מען האָט אים אָנגעבאָטן אין בריסק אין דער ליטע.

ענטפערט אים דער כתב סופר אַז ער איז נישט באַקאַנט מיט זיין מצב אין לעמבערג און ווייסט גאָרנישט וועגן דער קהלה אין בריסק, פונדעסטוועגן האַלט ער אַז ער זאָל נישט אויפגעבן דאָס רבנות אין לעמבערג ווייל מי יודע ווער ס'וועט קומען נאָך אים איבערצונעמען דאָס רבנות אין לעמבערג.

"נתייקרתי בגי"ה בעש"ק העבר, והקשה לשאול ממני עצה בדבר שאני מבחוץ ופר"מ מבפנים, כי לא ידעתי מצבו במקומו ולא ידעתי ענין מקהלות עם דבריסק, מהותם ומצבם, מכל מקום דעתי הענ' נוטה כי מקומו אל ינח, כי מי יודע מי יקום אחריו. כי בעוו"ה בעיתים הללו יש לחוש טובא שבמקום גדולים שועלים הולכים בו וד"ל". ("אגרות סופרים" מכתב ט"ז).

נישט בלויז זענען רוב רבנים אין אונגאַרן געווען זיינע תלמידים נאָר אויך אין ירושלים עיר הקודש זענען עס געווען זיינע תלמידים, און די תלמידים פון זיין פאָטער דער חתם סופר, וואָס האָבן געלייגט די יסודות פאַר דעם אַנטוויקלדיגן ישוב הישן.

די תלמידים פון כתב סופר, הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל און רבי משה נחום וואַלענשטיין זצ"ל, צוזאַמען מיט הגאון רבי יצחק ירוחם דיסקין זצ"ל, זון פון הגאון רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל, זענען עס געווען די גרינדער פון דער עדה החרדית אין ירושלים. רבי יוסף חיים זאָנענפעלד איז געווען דער ערשטער רב, גאב"ד פון דער עדה החרדית, און רבי משה נחום וואַלענשטיין איז געווען דער ערשטער ראב"ד פון דער עדה החרדית. רבי משה נחום וואַלענשטיין איז אויך געווען דער ראש כולל שומרי החומות, געגרינדעט דורך תלמידי החתם סופר והכתב סופר.

## זיין דרך אין הנהגה

פון כתב סופר'ס הויפט כאַראַקטער שטריכן אין הנהגה איז געווען די מידה פון מתינות. מעסיגקייט – פאַרזיכטיג און געלאַסן. ווי ער אַליין שרייבט דאָס אין אַ בריוו געדרוקט אין אגרות סופרים (מכתב כ"ד): "כי ב"ה באמת ובתמים אני הולך בכל דבר מתון מתון".

יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט איז געווען איבערגעטראַכט און דורכגעזיפּט בי"ג נפה.

מכתב ו' אין איגרות סופרים איז אַ בריוו צו אַ רב וואָס מען האָט געהאַט טענות אויף זיין דרך אין הנהגה, צו שטרענג און נישט גענוג איבערגערעכנט. שרייבט אים דער כתב סופר וועגן דעם ריכטיגן מהלך וואָס מען האָט געזען ביי זיין טאַטן דער חתם סופר: "מזקנים אתבונן, הלא ראית לפניך כי זה משה האיש אבינו מאוה"ג זצ"ל איך התנהג לרעות בצאן עמו לאט לאט, ודברים בנחת נשמעים".

אַ מנהיג, שרייבט דער כתב סופר אין יענעם בריוו, טאָר קיינמאָל נישט זיין איבערגעאיילט. מעג נישט אַרויסזאָגן עפּעס פון מויל אָן עס גוט איבערצוטראַכטן: "בכל ענין טוב שלא להיות מהיר להוציא דיבור קל משפה לחוץ מבלי מושכל והתבוננות תחילה הן או לאו, כי הדבר אשר יצא מפי ראש אין להשיב, ובשובו וינחם על העבר יאבד נאמנותו, ואצל המון יתחלל השם ותחולל תפארתו ח"ו. וטוב לומר תמיד אתבונן תחילה לא אוכל להשיב חיש מהר." (אגרות סופרים מכתב ו').

אין אַ צווייטן בריוו, צו אַ תלמיד וואָס איז נאָר וואָס אויפגענומען געוואָרן אַלס רב, שרייבט ער צווישן אַנדערן: "הכלל בענין רבנות תהיה מתון מתון



הגה"צ רבי משה נחום וואַלענשטיין זצ"ל, תלמיד פון כתב סופר, דער ערשטער ראב"ד פון דער עדה החרדית

שקול הדברים קודם שאתה מוציאם מפיך". (אגרות סופרים מכתב ט"ו).

## געהאָלפן די פאַר וועמען ער האָט גע'פסק'עט לאיסור

אין זיינע תשובות זעט מען זיין ברייטהאַרציגקייט און די פאַרשטענדעניש וואָס ער ווייזט אַרויס צו יעדן אָרימאַן און אומבאַהאָלפענעם. ווען ער האָט גע'פסק'עט לאיסור האָט ער זיך אָנגעשטרענגט לייכטער צו מאַכן, און אַליין צו העלפן, די פאַר וועמען ער האָט גע'פסק'עט לחומרא.

אַמאָל איז ער אָנגעפרעגט געוואָרן פון אַן אָרעמאַן ביי וועמען עס איז געבוירן געוואָרן אַ יונגל אום שבת. דער איד האָט געוואוינט אין אַ קליין שטעטל וואו ס'האָט זיך נישט געפונען קיין מוהל מומחה. אַזוי ווי ער איז אַן אָרעמאַן איז ער נישט ביכולת צו צאָלן פאַר אַ מוהל פון אַן אַנדערע שטאָט צו קומען צו אים אויף שבת. אין זיין שטעטל געפינט זיך איינער וואָס איז גרייט צו מל'ען דאָס קינד, אָבער דאָס וועט ביי אים זיין דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז מוהל.

אין שולחן ערוך ווערט גע'פסק'עט אַז ווער ס'איז נאָך קיינמאָל פריער נישט געווען מוהל טאָר נישט מל'ען דאָס ערשטע מאָל אום שבת. פרעגט דער איד צי דער דין איז אויך געזאָגט געוואָרן אויב ס'איז נישטאָ קיין צווייטער מוהל.

אין אַ לאַנגער תשובה (שו"ת כת"ס יו"ד סי' ק"כ) איז דער כתב סופר מברר לאיסור. ער פירט אָבער אויס אַז כדי דער ברית זאָל נישט ווערן נדחה, כדי עס זאָל קענען פאַרקומען בזמנו, האָט ער, דער כתב סופר, געמאַכט אַלע השתדלות'ן און באַווירן אויסצופועל'ן ביי אַ מוהל מומחה, אַן "אומן נפלא", ר' אלי' ווייס פון פרעשבורג, ער זאָל פאָרן אַהין אויף שבת, אויף דער אייגענער קאָסט, צו מל'ען דאָס קינד שבת בעתו ובזמנו:

"ושלא תדחה המצוה בזמנה בש"ק, טרחתי עצמי יגעתי ומצאתי אחר הפצרה בדברים היוצאים מן הלב, כי היקר הקצין אומן נפלא יקרא ה' אלי' ווייס שי' מפה, יסע לילך על הוצאותיו בעש"ק למקום פר"מ למול הילד בש"ק אי"ה. שש אנכי על אמרותיו כמוצא שלל ואלי' זכור לטוב לפני ה'". (שו"ת כתב סופר יו"ד סי' קכ).

## "צוויי ספרי תורה"

אין דער צייט וואָס פאַר אַנדערע האָט ער תמיד געהייסן גיין בדרך הממוצע האָט ער פאַר זיך און פאַר זיין שטוב שטאַרק מחמיר געווען. זיינע קינדער און תלמידים שרייבן אַז ער פלעגט טייטשן וואָס די גמרא זאָגט אויפ'ן פסוק אין דער פרשה פון אַ מלך "וכתב לו את משנה התורה הזאת", זאָגט די גמרא אין סנהדרין (כ"א.), אַז דער קעניג האָט געהאַט צוויי ספרי תורה. איינס איז געווען באַהאַלטן אין זיינע אוצרות, "בבית גנזיו", און אַ צווייטע וואָס ער האָט געטראָגן אין דער עפנטליכקייט, "שהיה תלוי בצוארו כמין קמיעה". האָט דער כתב סופר געטייטשט אַז פאַר זיך האָט דער קעניג געמוזט מחמיר זיין לפנים משורת הדין. די תורה וואָס ער האָט אָבער

**געהאַט אָנגעהאָנגען אויפ'ן האַלז, ס'הייסט וואָס ער האָט געפּרעדיגט מיט'ן מויל פאַר אַנדערע, דאָס האָט געמוזט זיין על פי הלכה ועל פי המסורה, אַ דבר השוה לכל נפש.**

"עפ"י הרוב היה מחמיר על עצמו ולאנשי ביתו. ורגיל היה על לשונו הקדוש לפרש מה דכתיב בפרשת המלך וכתב לו את משנה התורה הזאת ואמרו חז"ל בסנהדרין משנה תורה, שני ספרי תורות יהיה לו למלך, אחת שהיתה מונחת בבית גנזיו ואחת שהיה יוצא ונכנס עמו, שהיה תלוי בתוארו כמין קמיעה. ונראה שרמז בה כי המנהיג לעם ה' צריך להורות לפניהם דרך הממוצע, אך הוא בפני עצמו ולעצמו מוסיף והולך כאשר לבו חפץ לעשות לפנים משורת הדין, וכל המוסיף מוסיפים לו מן השמים ושכר הרבה יטול, ורמזה התורה זה למלך שיכתוב לו שני ספרי תורות, אחת שהיה מניחה בבית גנזיו, מרמז לאוצר נחמד בהפלגת מצות ומעש"ט מונחת בבית גנזיו כי כל חפציה לא ישוו בה, ואחת שהיתה תלויה בצוארו ענקים לגרגרותיו לקרוא בה בגרונו למען ישמעו לנראה את ה', וצריך לצאת ולבוא לפניהם בדרך ממוצע, והיינו ואחת תלויה לו בצוארו שהיה יוצא ונכנס בה לפני העם, כמין קמיעה תלויה לו בצווארו קמיעה המומחה לרבים דמרפא כולם שוה ומשוה לכולם כעם ככהן ודרך המלך נלך". ("אהל לאה", הקדמה צו כתב סופר על התורה).

## וקווי ה' יחליפו כח

טראָץ זיין שוואַכן פיזישן געזונט צושטאַנד פון אַלס קינד ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ער געווען אַ גבור חיל אין זיין עבודת ה', אין לימוד התורה, אין פירן זיין קהלה, זיין ישיבה און אין פירן דעם כלל אין איינעם פון די שווערסטע איבערגאַנגס תקופות פאַר'ן אָרטאָדאָקסישן אידנטום.

אין איינעם פון זיינע תשובות (או"ח סי' ל') שרייבט ער אַז די פיזישע כוחות וואָס אַנדערע קריגן פון גשמיות'דיגע תענוגים, עסן, טרונקען און שלאָפן, איז קווי ה' יחליפו כח, ערליכע אידן באַקומען די כוחות פון לימוד התורה און פון קיום המצוות בשמחה.

# תשובות כתב סופר

ווי שוין דערמאַנט האָט ער רוב פון זיינע תשובות געשריבן אין די פריע פאַרטאָגס שעות, אויפשטייענדיג אינמיטן דער נאַכט, אפילו אין די פיזישע שוואַכסטע זמנים. איין תשובה (יורה דעה סי' ו') הייבט ער אָן "כאור בוקר מחרת יום כיפורים תר"ל". ווייטער שרייבט ער אַז מוצאי יום כיפור איז ער אויפגעשטאַנען אַ האַלבע שעה נאָך חצות שרייבן תשובות צו ענטפערן די וואָס האָבן אים אָנגעפרעגט.

די סיבה פאַרוואָס ער האָט די תשובות געשריבן פאַרטאָגס שרייבט ער אַליין אין שו"ת כתב סופר אה"ע סי כ"ח: ווייל אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען "לעמוד על המשמר משמרת ה'".

דערפאַר האָט ער נישט יעדן שואל געענטפערט. ער האָט בעיקר געענטפערט, ווי מ'קען דאָס זען אין די תשובות, צו זיינע תלמידים און די תלמידים פון זיין טאַטן. אויסנאַמס זענען געווען גדולי ישראל, וואָס ער האָט זיי אַלע געענטפערט. אין שאלות ותשובות כתב סופר געפינען מיר דערפאַר תשובות צו הגאון רבי יהודה אָסאַד; צום הייליגן צאַנזער רב; צום מהר"ם אש; צום מהר"ם שיק; צו הגאון רבי אברהם אולמאַן אבד"ק לאָקענבאַך, פון די זקני הדור; צו הגאון רבי אברהם וועקסלער אבד"ק שוואַבאַך אין דייטשלאַנד, און נאָך גדולי ישראל.

פון זיינע תשובות איז צו זען, ווי ער איז דאָס אַליין מעיד, אַז ער וויל נישט פסק'ען הלכה למעשה אַ שאלה וואָס קומט פון אַן אָרט וואו ס'איז פאַראַן אַ רב אַ מורה הוראה. אָבער ווען דער הייליגער דברי חיים ווענדט זיך צו אים מיט אַ שאלה וועגן דער כשרות פון די מקוואות אין איינעם פון די קור-ערטער ענטפערט אים דער כתב סופר אַז באמת וואָלט ער אפילו נישט מעיין געווען אין אַזאַ שאלה וויבאַלד ס'זענען דאך פאַראַן מורי הוראה אין יענער שטאָט, אָבער צוליב דעם כבוד פון צאַנזער רב איז ער יאָ מעיין אין דער שאלה.

שנת תרח"י האָט דער הייליגער צאַנזער רב צוליב געזונט זיך געפונען אין אַ קור-אָרט אין אַלט-אויבן נעבן פעסט. דער צאַנזער רב האָט שטאַרק מפקפק געווען אין דער כשרות פון די מרחצאות אַלס אַ מקוה טהרה. שרייבט דער דברי חיים צום כתב סופר ער זאָל מסכים זיין מיט אים צו פסל'ען די בעדער פאַר מקוואות.

ענטפערט אים דער כתב סופר:

"ידיד נפשי קדוש ה' מכובד הרב הגאון הגדול המפורסם בדורו חסידא ופרישא עמוד הימיני פה"ח כקש"ת מו"ה חיים האַלבערשטאַם נ"י אב"ד צאַנז, ירפאהו ה' ויחזק גופו הקדוש. נתייקרתי אתמול במכתב קדשו. פקודתו עברה עלי לחוות הסכמתי בפסול מרחצאות חמין אשר במקום ידוע לטבילה.... ותמהתי למה דפק על פתחי בקול קן קולמסו בענוותנותו ולא דרש סמוכין בדייני קרתא קדישא המאוה"ג יושבי על מדין... ובלי ספק יש קבלה בידם מן רבותיהם גאוני קמאי למה הכשירו ועל מה הכשירו, ואולי כאשר יעיינו עתה בפרטי כלי המרחצאות ימצאו שנשתנו הענינים, והמה ירימו מכשול מקרב עמם אם ימצאו פסול... וחס ושלום לי להרהר אחר פאר רום מעלתו הגאון נ"י, ולא באתי אלא לעורר ולגלות דעתי העני', ולא רציתי מהאי טעמא לשום אפילו עיון מעט בהנידון, לולי מפני כבודו כי רב בעיני, ומצות קדוש ישראל כמותו ירבו בישראל עוברת עליי... והשעה דחוקה... כי אני שאול לתלמידים... לכן מהרתי להשיב היום בלי עיון כדחזי ולא לפסוק הלכה". (שו"ת כת"ס יו"ד סימן צ"ז).

די תשובות פון כתב סופר זענען געוויינליך לענגערע תשובות. צו יעדער שאלה איז ער צוגעגאַנגען ביז צום שורש, צו די יסודות און מקורות פון יעדן דין אין ש"ס ופוסקים און די ראשונים. "קודם שנבוא למטרת כונתינו לדון... נברר תחילה שיטות הראשונים והפוסקים בעזה"י" (אה"ע סי' פ"ח). "ולברר הדין על בוריו צריך אני להאריך בכל פרט ופרט". (או"ח סי' ח').

אין איינעם פון די תשובות (או"ח סי' פ"ג) שרייבט ער: "מנעורי הורגלתי שלא לעיין בספרי אחרוני האחרונים". זיין זון דער שבט סופר שרייבט לגבי די חידושי כתב סופר על הש"ס, אַז מענטשן זאָלן זיך נישט וואונדערן אויב זיי זעען אין זיינע חידושים זאַכן וואָס געפינען זיך שוין אין פריערדיגע













אחרונים, ווייל ער פלעגט זאָגן אַז ער האָט נישט קיין צייט מעיין צו זיין אין לעצטערע אחרונים. ס'איז אים לייכטער, פלעגט ער זאָגן, אַליין מחדש צו זיין, ווי צו זוכן אין די אחרונים. "שנקל לו יותר לחדש מדעתו, מליקח פנאי ולחפש בספרי אחרונים" (שו"ת "שבט סופר", יו"ד סימן ט'). ער האָט געהאַט בדעה, שרייבט דער שבט סופר, צו שרייבן דאָס אין זיין הקדמה צו שו"ת כתב סופר "למען לא יתמהו הרואים אם ימצאו בו דברים שנאמרו כבר בספרי אחרונים... אבל נשכח הדבר".

הגאון רבי שמעון סופר באַוואונדערט זיין ברודער דער כתב סופר, וויאַזוי ער האָט באַוויזן אַזויפיל צו פּראָדוצירן, מחדש זיין און שרייבן. "וזה ממש למעלה מן הטבע האנושי איך הספיק לו הזמן לחדש ולכתוב עם חולשת גופו ורוב הטרדות, עול הציבור והתלמידים, עליו ועל כיוצא בו יאמר: מקום הארון אינו מן המדה". ("כתב שם משמעון", רבי שמעון סופר'ס הקדמה צו שו"ת כת"ס חלק או"ח).

ביי עטליכע תשובות שרייבט ער וויפיל אַזייגער פאַרטאָגס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן די תשובה און ווען פאַר'ן דאַווענען ער האָט דאָס פאַרענדיגט. ס'איז מבהיל את הרעיון וויאַזוי ער האָט אין עטליכע שעה באַוויזן צו שרייבן לאַנגע און טיפע תשובות וואָס אפילו בלויז דאָס דורכצולערנען, נאָכצוקוקן די מקורות און דאָס פאַרשטיין דאַרף דויערן פיל לענגער ווי דאָס. ווער רעדט נאָך פון אַליין דאָס מחדש זיין און אָפּשרייבן מיט אַזאַ עמקות און קלאָרקייט.

צווישן די תשובות פון שנת תרט"ז געפינען מיר דריי לאַנגע און אויסערגעוויינליך טיפע תשובות וואָס ער האָט אָפּגעשריבן במשך פון בלויז צוויי טעג. אין חלק יורה דעה סימן קע"ז געפינט זיך איין תשובה פון י"א מנחם אב, און אויף צומאָרגנס, י"ב מנחם אב געפינען מיר צוויי תשובות: סימן י"ב און סימן ע"א.

די ערשטע תשובה וואָס ער האָט געשריבן נאָכדעם וואָס ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פרעשבורג אַלס ממלא מקומו פון חתם סופר איז געווען עשרה בטבת שנת ת"ר, צוויי און אַ האַלב מאָנאַטן נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר. די לעצטע תשובה וואָס ער האָט געשריבן איז געווען "כאור בוקר ליום א' פ' ויחי תרל"ב". דאָס איז געווען י"ב טבת, אַ טאָג איידער ער איז קראַנק געוואָרן מיט זיין לעצטער מחלה פון וואָס ער איז אַ וואָך דערנאָך, י"ט טבת תרל"ב, נפטר געוואָרן.

זיין זון הג"ר שלמה סופר זצ"ל שרייבט אין חוט המשולש: יענעם טאָג, י"ב טבת ווען ער איז אַוועקגעפאַלן און פאַרשלאַפט געוואָרן האָט ער אין דעם שיעור הישיבה געהאַלטן ביי דער משנה "היוצא בקולר" אין מסכת גיטין. ער האָט נישט געקענט באַשליסן צי ער זאָל פאָרלערנען די משנה אָדער נישט. "והיה נבוך אם ללמוד ענין זה. והכריע דעתו ללמוד אותה כדי שלא להשמיט מאומה. והקולר תלוי בעוה"ר בצוארינו ונשבה ארון אלקים ורבן של ישראל עלה למרום".

איז אינטערעסאַנט וואָס הגאון רבי נתן געשטעטנער זצ"ל, אַן אייניקל פון כתב סופר, איז מוסיף צו דעם: אויך אין דער לעצטער תשובה אין כתב סופר, געשריבן יענעם טאָג, י"ב טבת תרל"ב, פאַרענטפערט ער אַ קשיא אויף דער משנה אין מסכת גיטין "היוצא בקולר". דערמיט איז געווען שביתת הקולמוס.

די ערשטע יאָרן אַלס רב האָט ער געשריבן בלויז געציילטע תשובות. ווידער דאָס לעצטע יאָר, תרל"א, האָט ער געשריבן נאָענט צו פופציג תשובות.

די ערשטע דריי חדשים פון שנת תרל"ב, פאַר זיין הסתלקות, האָט ער געשריבן עלף תשובות. רוב פון די תשובות זענען געשריבן צו זיינע זין, פיר צווישן זיי צו זיין זון דער שבט סופר, זיין ממלא מקום.

שנת תר"ז איז געווען דאָס ערשטע יאָר וואָס ער האָט זוכה געווען צו שרייבן אַ תשובה צו זיינעם אַ תלמיד וואָס איז געוואָרן רב אין אַ חשוב'ער קהלה. דער תלמיד איז געווען הג"ר אברהם יעקב קאָפּל זינגער זצ"ל וועלכער איז געוואָרן רב אין קערעסטיר. (שפּעטער איז ער געווען רב אין לאָשאַנץ).

די ערשטע תשובות צו זיין אייגענער משפחה, די אייניקלעך פון חתם סופר, הייבן אָן צו ערשיינען אין שנת תרי"ג. יענעם יאָר האָט ער דאָס ערשטע מאָל געשריבן אַ תשובה צו זיין תלמיד און פלימעניק, זיין שוועסטער'ס אַ זון, הגאון רבי שמואל קאָרניצער זצ"ל. (או"ח סי' קל"ה). מיט צוויי יאָר שפּעטער, שנת תרט"ו, געפינען מיר אַ תשובה צו אַן אייגן קינד, זיין תלמיד און עלטסטער איידעם, הגאון רבי יעקב לייב שטראַססער זצ"ל. די תשובה, יו"ד סי' קכ"ג, איז אויך די ערשטע תשובה וואָס ער איז מתבל מיט חידושי אגדה, אַ זאַך וואָס ער פלעגט טון אַלס חביבות בלויז צו זיינע קינדער און סאַמע נאָענטסטע תלמידים.

ער האָט אויך זוכה געווען צו שרייבן תשובות צו בני שלישים: שנת תרל"א האָט ער געשריבן אַ תשובה (או"ח סי' ע"ה) צו **"נכדי תלמידי כבני הבחור המופלג בין הבנים, שואל כענין ברק השנון, ר' יונתן כ"ץ שטראַססער, בן חתני הג"ר יעקב לייב.**

[פאָרזעצונג קומט אי"ה]